און איז צעפּלאַצט געוואָרן אין דער מיט, און אַלע
19 זיינע געדערעם זענען אַרויס. און דאָס דאָזיקע
איז באַקאַנט געוואָרן צו אַלע איינוואוינער אין
ירושלים; אַזוי, אַז אין זייער אייגענעם דיאַלעקט
ווערט יענץ פֿעלד אָנגערופֿן חקל דמא, דאָס הייסט
20 אַ פֿעלד פֿון בלוט. וואָרום עס שטייט געשריבן
אין ספר תהלים:

זאָל זיין וואוינונג ווערן אַ מדבר,
און זאָל זיך קיין איינוואוינער נישט געפֿינען
אין איר;

און:

זיין אויפֿזיכט זאָל אַן אַנדערער איבערנעמען.

(תהלים סט, כו; קט, ח.)

21 עס איז דעריבער נויטווענדיק, אַז איינער פֿון די
דאָזיקע מענער, וואָס האָבן אונז באַגלייט די גאַנצע
צייט, אין וועלכער דער האַר ישוע איז אַריינגע־
22 גאַנגען און אַרויסגעגאַנגען צווישן אונז, אָנהייבנדיק
פֿון יוחנן׳ס טבילה ביז צום טאָג, ווען ער איז פֿון
אונז אַרויפֿגענומען געוואָרן, זאָל זיין אַן עדות מיט
23 אונז פֿון זיין תחית המתים. און זיי האָבן געשטעלט
צוויי, יוספֿן, וועמען מען האָט גערופֿן בר שבא,
און האָט געהאַט דעם צונאָמען יוסטוס, און מתיה.
24 און האָבן תפֿילה־געטון און געזאָגט: דו, אַ האַר,
וואָס קאָנסט אַלעמענס הערצער, ווייז וועלכן דו
25 האָסט אויסדערוויילט פֿון די דאָזיקע צוויי, איינעם,
וואָס זאָל איבערנעמען דאָס אָרט פֿון דער דאָזיקער
עבודה און שליחות, פֿון וועלכער יהודה איז אָפּגע־
26 פֿאַלן, כדי צו גיין אויף זיין אייגן אָרט. און האָבן
געוואָרפֿן גורל פֿאַר זיי, און דאָס גורל איז אויס־
געפֿאַלן אויף מתיה; און ער איז צוגערעכנט
געוואָרן צו די עלף שליחים.